


A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת ויקרא, ד' ניסן תשס"ז
גליון 3, מספר 20




# פרשת ויקרא

ווען א קינד הויבט אן לערנען חומש, הויבט ער אן לערנען פרשת ויקרא. ווייסט איר פארוואס? ווייל עס שטייט "זאלן די קינדער, וואס זיי זיינען הייליק, לערנען די הלכות פון קרבנות וואס זיינען הייליק!"

קינדער, איר זייט ווי די הייליקע קרבנות וואס מען האט געבראכט אין בית המקדש!

אין די פריערדיקע פרשיות, האט מען גערעדט וועגן די משכן. יעצט אז די אידן האבן געענדיקט בויען די משכן, הויבט מען אן באנוצען זיך מיט דעם: יעצט ברענגט מען קרבנות.

קינדער, לויט דעם וואס מיר ווייסן אז יעדער שטוב איז אזוי ווי א משכן, דארף מען פארשטיין, ווי אזוי ברענגט מען קרבנות אין אונזערע בתי חב"ד?

די הוראה קען מען לערנען פון דעם קרבן תמיד. אין די בית המקדש, האט מען אנגעהויבן דעם טאג דורך ברענגן א קרבן. די קרבן תמיד האט מען געבראכט אינדערפרי און ביינאכט. באמת האט מען געדארפט ברענגן די קרבן די גאנצע טאג, קרבן תמיד - א שטענדיקע קרבן, אבער וויבאלד דאס איז ניט מעגליך, האט מען געבראכט די קרבן נאר אינדערפרי און ביינאכט. דורך דעם וואס מען האט דאס געבראכט אינדערפרי, און מען האט געטראכט אויף דעם דורכן גאנצן טאג, איז עס גערעכנט געווארן ווי מען האט עס געבראכט שטענדיק.

וואס איז דאס אין אונזער עבודה? דאס איז די ענין פון *מודה אני*. מיר דיינקן דעם אויבערשטן גלייך אינדערפרי , און דורך טראכטן אויף דעם שטענדיק דורך דעם גאנצן טאג, ווערט עס גערעכנט ווי מען זאגט עס דורך דעם גאנצן טאג.

קינדער, געדענקט! טראכט זיך אריין אין די ווערטער פון "מודה אני" דורך דעם טאג. טראכט, "דער אויבערשטער האט מיר געגעבן מיין נשמה, וואס טו איך יעצט מיט דעם? ברייגג איך אים נחת מיט מיינע מעשים?"

דורך אזא צוגאנג צו אייער טאג, וועלן אייערע טעג זיין אנגעפילט מיט מצוות און איר וועט ברענגן משיח, און ברענגן די קרבנות אין די בית המקדש!

טייערע קינדער שלוחים,

דער רבי האט פאר אונז געשריבן א קליינע בוק, וואס איז פאר אונז א חסידישע וועג – ווייזער אין אונזער טאג-טעגליכן לעבן. דער בוק ווערט אנגערופן דער "היום יום," און איז אנגעפאקט מיט אוצרות. אין די היום יום פון ו' ניסן שטייט א ספעציעלע הוראה צו אייך, די טייערע שלוחים פון רבי'ן.

"דער נסיון האט באוויזן אז ווען מען לייגט אריין פיל כוחות, און מען ארבעט אין א געלאסענע וועג, פירט מען זיכער אויס (דער שליחות וואס מען האט געוואלט אויספירן)!"

אט קומט דער יום טוב פון פסח. איידער דער יום טוב קומט אן זיינען פאראן אסאך זאכן וואס מען דארף טאן פאר די אייגענע משפחה, און פאר די אידן וואס לעבן אין אייער שטאט. מען דארף וויסן אז יעדער זאך וואס מען וועט טאן געלאסענערהייט און מיט א שמייכל וועט זיכער דורכגעפירט ווערן.

און די גרעסטע זאך וואס איר וועט דורכפירן מיט אייערע מבצעים איז צו ברענגען משיח שוין!

-א. וועכטער

# דער חסידישער לוח

## ב׳ ניסן





The resting place of Rabbi Sholom Dovber in Rostov-on-the-Don.

Chabad Library

דער פינפטער ליובאוויטשער רבי, דער רבי מורנו הרש״ב, איז געבארן געווארן כ׳ חשון תרכ״א. ווען זיין טאטע, דער רבי מורנו המהר״ש איז נסתלק געווארן אין תרמ״ג איז ער געווארן רבי.

דער רבי מורנו הרש״ב איז נסתלק געווארן אין ראסטאוו ב׳ ניסן, תר״פ.

זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען, ״איך גיי אין הימל און די כתבים לאז איך אייך!״

*דורך לערנען די שיחות און מאמרים פון רבי׳ן מורנו הרש״ב, ווערן חסידים פארבונדן מיט אים.*

א מעשה פון רבי׳ן רש״ב.

*א חסיד איז אמאל געקומען אף יחידות ביים רבי׳ן רש״ב. איידער דער חסיד איז אהיים געפארן, האט דער רבי געבעטן ער זאל אים געבן 500 רובל, און דער רבי וועט עם צוריקשיקן נאך א פאר טעג. דער חסיד האט ניט פארשטאנען וואס דער רבי וויל, אבער ער האט עם געטאן.*



*אויפן וועג אהיים, איז דער חסיד ארומגענומען געווארן מיט רויבערס. זיי האבן אים באקוקט, און ווען זיי האבן גאר ניט געפונען, האבן זיי אים געלאזט גיין אהיים.*

*ווען ער איז אהיים געקומען, האט ער געזען אז דער רבי האט אים שוין געשיקט די געלט. דער רבי האט אים געראטעוועט!*

# האסטו געוואוסט?

אין דעם חודש זיינען פאראן עטליכע ספעציעלע זאכן.

1- פון ראש חודש ביז י״ג ניסן, זאגן מיר יעדן טאג נאכן דאווענען דעם ״נשיא״ פון דעם טאג - וועגן די קרבנות און נדבות וועלכע די נשיאים האבן געבראכט פארן משכן. למשל, ראש חודש ניסן ליינען מיר וועגן די מתנה פון נחשון בן עמינדב פאר שבט יהודה. צוליב אט די ספעציעלע תפילה, און דעם יום טוב פון פסח, זאגן מיר שוין ניט קיין תחנון דעם גאנצן חודש.

2-ווען מען זעהט א בוים וואס הויבט אן צו בלימען אין חודש ניסן, זאגט מען א ספעציעלע ברכה.

3-אין די צייטן פון בית המקדש, האט מען געשיקט שלוחים ראש חודש ניסן צו אלע שטעט ארום ירושלים, צו ברענגען שאף צו ירושלים בכדי אז די אידן וועלכע וועלן עולה רגל זיין פאר פסח זאלן קענען קויפן שאף פאר׳ן קרבן פסח און אנדערע קרבנות פאר עסן.



דער מזל פון חודש ניסן איז א שעפס וואס דערמאנט אונז וועגן דעם קרבן פסח.

# משיח נאו!

חודש ניסן איז זייער א ספעציעלער חודש – א חודש פון גאולה. ״בניסן נגאלו אבותינו ממצרים ובניסן עתידין להגאל.״ אין חודש ניסן זיינען די אידן ארויסגענומען געווארן פון מצרים און אין ניסן וועלן מיר ארויסגיין פון אונזער גלות. ווי אזוי ברענגט מען די גאולה? דורך די טייערע שלוחים ווי איר, וואס ארבעטן אזוי שווער זיכער צו מאכן אז אלע אידן האבן וואס זיי דארפן - מצות, וויין, א סדר און אלע אנדערע זאכן צו פייערן דעם יום טוב פון פסח. דורך אייער ארבעט ברענגט איר די גאולה פאר דעם גאנצן אידישן פאלק!

# דערצייל מיר א מעשה

יארן צוריק, אין א קליינע רוסישע שטאט, האט געלעבט א איד מיטן נאמען מאטל גאלדגרעבער. זיין נאמען איז געווען **גאלד**גרעבער, אבער ער האט באמת געגראבן **זאמד**, ניט גאלד. מערסטע מאל האט מאטל ניט געמאכט צו פיל געלט פאר זיין גראבן, און פיל מאל האט ער ניט געהאט גענוג געלט פאר זיין משפחה.

יארן זיינען אריבער, און זיין טאכטער איז געווארן גענוג אלט חתונה האבן. אבער ווי קען מען מאכן חתונה אן געלט?

איין טאג, האט זיך אלץ געביטן. אין מיטן זיין נארמאלע ארבעט, האט ער געפילט עפעס שווער אין די ערד. ער האט אויפגעגראבן א דיימאנט!

מאטל האט כמעט גע'חלש'ט! ער איז גלייך געפארן צו זיין פריינט וואס האט געהאנדלט אין דיימאנטן.

"וויפול איז דאס ווערט?" האט ער געפרעגט.

"פון וואנעט האסטו אזא דיינאמט?! דאס איז ווערט אסאך געלט!! פאר אין לונדון צו מיין קוזינע. ער האנדלט אין דיימאנטן, און ער וועט דאס זיכער קויפן פון דיר פאר אסאך געלט."

מאטל האט געבארגט געלט און איז געפארן צו לונדון.

אויפן שיף האט ער פיל מאל ארויסגענומען די שטיין און האט עס אנגעקוקט. ער האט עס אפילו געהאלטן מיט זיך ווען ער האט געגעסן. ער האט געדאנקט דעם אויבערשטער אויף דער נס וואס ער האט פאר אים געטאן.

איין טאג, ווען מאטל איז געווען אין מיטן בענטשן, האט די פרוי וואס האט גערייניגט, גענומען די טישטעך - מיט זיין דיימאנט - און האט עס ארויסגעווארפן צום וואסער!

*מאטל האט פארלוירן זיין גאנצע געלט.*

אבער וואס האט מאטל געטאן? ער איז ניט געווארן מיואש, נאר ער האט געגלייבט אז דער אויבערשטער וועט אים העלפן.

דער נעקסטע צופרי איז מאטל ארום געגאנגן דורך דער שיף און ער האט געטראפן דעם קאפיטאן. דער קאפיטאן האט אים אנגעקוקט און האט געזאגט.

"איך זעה אז דו ביסט א מענטש אויף וועמען מען קען זיך פארלאזן. איך האב דא אסאך טייערע שטיינער אויפן שיף. א חלק פון זיי באלאנגען צו דעם קעניג און א חלק באלאנגען צו מיר. איך וויל ניט אז מען זאל אלץ אוועקנעמען צום קעניג. לאמיר מאכן א "דיל". איך וועל דיר אלץ יעצט געבן אונטער דיין נאמען, און דו וועסט דאס פארקויפן אין לונדון. אין צוויי וואכן וועל איך צוריקנעמען פון דיר די געלט. א פערצענט פון די געלט וועל איך לאזן ביי דיר."

מאטל האט מסכים געווען, און ווען דער שיף איז אנגעקומען, האט ער דאס אלס אויסגעפירט. צוויי וואכן שפעטער האט ער געווארט אויפן קאפיטאן. אבער דער קאפיטאן איז ניט געקומען. מאטל האט אים געזוכט, און האט אויסגעפונען אז דער קאפיטאן איז געשטארבן און האט ניט איבערגעלאזט קיין משפחה. די גאנצע געלט האט באלאנגט צו מוטל!

מאטל איז צוריק אהיים געפארן א רייכע מענטש. ווען ער איז צוריקגעפארן האט ער דאס אלס איבערגעזאדט צו זיין נאנטע פריינט משה.

משה האט צוגעהערט צו זיין מעשה און האט געזאגט.

"ווען דו האסט באקומען די דיימאנט, איז דאס געווען א מתנה פון אויבערשטן. אבער ווען דו האסט עס פארלוירן, און דו האסט נאך אלס געגלייבט אין דעם אויבערשטן, האט דער אויבערשטער דיר געשענקט נאך א גרעסערע מתנה. אלץ אין די זכות פון דיין בטחון!"

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת ויקרא

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

גיבט די ענטפערס צו די פאלגענדע שאלות. די ענטפערס זיינען פארמישט אויפן זייט פון די שאלות:

| | | |
|---|---|---|
| וועלכע קרבן האט מען געבראכט אלס א מתנה? | ______________ | סשמלי |
| וועלכע קרבן איז געווען די שלמים פון אן ארימאן? | ______________ | חמהנ |
| וועלכע קרבן האט מען אינגאנצן פארברענט? | ______________ | לועה |
| וועלכע קרבן איז געבראכט געווארן פאר אן עבירה בשוגג? | ______________ | חתטא |
| וועלכע קרבן איז געבראכט געווארן אויף גנב'נען? | ______________ | סאש |
| וואו האט מען געבראכט די קרבנות? | ______________ | יתב הקמשד |
| ווער האבן געבראכט די קרבנות? | ______________ | נכהסי |

# הצלחה רבה

נאמען:______________ ווי אלט:______

אדרעס:______________

______________

אימייל:______________

די געווינער פון פרשת ויקהל–פקודי: מנחם מעמדל מונדשיין, 6